**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 1/14/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער HOCHUL (האקול) רוקט ווייטער פאראויס די טראנספארמירענדע טראנספארטאציע ווידזיע אין די 2025 סטעיט פון די סטעיט אויפטריט

***ווייטער גיין מיט גרויסע אינוועסטירונגען אין סעקאנד עוועניו סאב-וועי און קריטישע קאפיטאל פראיעקטן; מאדערנעזירט באן סערוויס פאר האדסאן וואלי רייזענדע***

***פארבינדט נאכאמאל קאמיוניטיס אפגעטיילט דורך היסטארישע הייוועי פראיעקטן אין אלבעני און די בראנקס; גייט ווייטער מיט אינוועסטירונגען אין לאקאלע שאסייען***

***פארבעסערן זיכערהייט פאר ניו יארקער וואס פארן אויף הייוועיס, שאסייען, סיידוואקס און ביציקל ליניעס***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט פארעפנטליכט פלענער אלס טייל פון איר 2025 סטעיט פון די סטעיט אויפטריט, צו בויען אויף איר רעקארד פון פאראויסרוקן טראנספארמירענדע טראנספארטאציע פראיעקטן. די גאווערנאר'ס סטעיט פון די סטעיט רעכנט אריין פארשלאגן וועלכע וואלטן פארזיכערט היסטארישע אינוועסטירונגען אין ניו יארק סיטי'ס פובליק טראנזיט סיסטעם, מאדערנעזירן באן סערוויס איבער די סטעיט מיט גאר גרויסע אינוועסטירונגען געפלאנט פאר די האדסאן וואלי ראיאן, אינוועסטירן אין טראנזיט און שאסייען לענגאויס די סטעיט, פריש פארבינדן קאמיוניטיס אפגעטיילט דורך אינפערסטראקטשער פון די פארגאנגענהייט, פארבעסערן זיכערהייט אין ארבעט'ס זאנעס דורך מאכן די אטאמאטישע ארבעט'ס זאנע קאמערע פראגראם פערמענאנט, און פארבעסערן זיכערהייט נעבן מיטל שולעס אין ניו יארק סיטי.

"אונזער טראנספארטאציע נעטווארק איז די רוקן-ביין פון ניו יארק'ס עקאנאמישע שטאנדהאפטיגקייט," **האט גאווערנאר Hochul (האקול) געזאגט.** "דורך מאכן קליגע אינוועסטירונגען אין פובליק טראנספארטאציע, פארשטערקערן אונזער שאסייען און בריקן, פריש פארבינדן קאמיוניטיס וועלכע האבן געליטן פון שלעכטע פלאנירונג באשלוסן פון פארגאנגענע יארן, און פארבעסערן אונזער געזעצן צו פארמערן זיכערהייט איבעראל, פארן מיר אין די ריכטונג פון א שטערקערער צוקונפט פאר די סטעיט פון ניו יארק."

<u>**גאר גרויסע אינוועסטירונגען צו שטיצן פובליק טראנזיט**</u>

**פאראויסרוקן סעקאנד עוועניו סאבוועי און אנדערע פארבעסערונגען**
אונטער גאווערנאר Hochul'ס (האקול) פירערשאפט, וועט די MTA פאראויסרוקן א צאל טראנספארמירענדע פראיעקטן, אריינגערעכנט די סעקאנד עוועניו סאבוועי צווייטע פאזע אויסברייטערונג צו איסט האלעם, מאדערנע סיגנאל סיסטעמען אויף חלקים פון די A/C און B/D/F/M ליניעס פאר איבער 1.5 מיליאן טעגליכע רייזנדע, צוטריטליכקייט פארבעסערונגען ביי מער ווי 20 סטאנציעס, און הונדערטע

נייע עלעקטרישע באסעס. די דאזיגע ווי אויך אנדערע אינוועסטירונגען באקומען די געלטער פון ניו יארק'ס ערשטע אינעם לאנד קאנדשעסטשען פרייזונג פראגראם, וועלכע איז אריין אין קראפט אויף יאנואר 5, נאכפאלגנדיג די גאווערנאר'ס געלונגענע ארבעט צו נידערן די טאלל מיט 40 פראצענט, און וואס וועט אריינברענגען 15 ביליאן דאלאר אין מאסן טראנספארטאציע געלטער. קאנדשעסטשען פרייזונג איז ערווארטערט צו ברענגען א פארמינערונג פון כאטש פינעף פראצענט אין וויהיקל מיילן און א 10 פראצענט פארמינערונג אין די צאל וויהיקלס וואס קומען אריין אין מענהעטען'ס ביזנעס דיסטריקט. גאווערנאר Hochul (האקול) שלאגט אויך פאר א פעקל נייע מאסנאמען וועלכע וועלן העלפן פארמינערן טראפיק און לופט פארפעסטיגונג דורכאויס ניו יארק סיטי און ווייטער.

**מאדערנעזירן באן סערוויס פאר שנעלער, מער פארלעסליכע טרעוול**

גאווארנער Hochul (האקול) שלאגט פאר א גאר גרויסע אינוועסטירונג אין האדסאן וואלי באן סערוויס וואס וועט פארמערן קאפאציטעט, פארמינערן פארשפעטיגונגען און שניידן געשאצטע רייזע צייטן מיט ביז צו 15 מינוט יעדע וועג פאר געוויסע רייזעס, ווי אויך פארקורצערן "סופער-עקספרעס" מעטראו-נארט האדסאן ליניע רייזעס צו ווייניגער ווי 90 מינוט. די פארשלאג נעמט אריין פלאנירונג, אפשאצונג און אויסשטעלונג פאר א רייע באן קאפיטאל פארבעסערונגען צווישן ניו יארק סיטי און פאוקיפסי, אריינרעכענענדיג פראיעקטן ווי א צווייטע רייע שינעס אין ספוטען דויוויל, אינטערלאקינג, סיגנאלינג און שינעס-ארבעט ביי קראטאן הארמאן, און קאפאציטעט פארבעסערונגען ביי פאוקיפסי יארד. אין צוגאב, וועט די MTA איבערמאכן די סיגנאלן נעבן יאנקערס, און קלימאט שטאנדהאפטיגקייט אינוועסטירונגען אין די שוואכסטע חלקים און טיילן מיט די מערסטע רייזנדע פון די האדסאן ליניע. צו ווייטער פארבעסערן טראנזיט אפציעס, וועט די סטעיט דורכפירן א טראנזיט אנאלאסיס אין ארענדש קאונטי צו אריינקוקן אין שאטעל באס סערוויס וואס פארבינדט פארט דשערוויס ליניע באנען צו הויפט דעסטינאציעס אין די ראיאן.

**ארבעטנדיג מיט די לעגיסלעיטשער צו שטיצן א טראנספארמירענדע MTA קאפיטאל פלאן**

גאווערנאר Hochul (האקול) האט אויסגעדרוקט איר פולע שטיצע פאר די MTA'ס פארגעשלאגענע 2025-2029 קאפיטאל פלאן. די פלאן וועט מאדערנעזירן סיגנאלן, באשטעלן נייע רעיל-קארס, איבערפרישן סטאנציעס, פארבעסערן צוטריטליכקייט, אריינשטעלן נייע באצאלונג טויערן, און באשיצן אינפערסטראקטשער, ווי אויך פארברייטערן אונזער טראנזיט נעטווארק. צו פינאנצירן די פלאן, טוט די גאווערנאר פארשלאגן אן אויסגערעכנטע צאמשטעל פון פעדעראלע, סטעיט, סיטי, און MTA ביישטייערונגען אין ליניע מיט היסטארישע איינפירונגען, אין צוגאב צו נייע איינקונפט קוועלער באשטימט צו ווערן דורכאויס בודשעט פאראנדלונגען און געלט-שפארונגען צו דערגרייכט ווערן דורך די MTA. די היסטארישע איניציאטיוו וועט פארזיכערן א מצב פון גוטע פארעכטונג בשעת'ן פאראויסרוקן פארבעסערונגען וועלכע וועלן בעניפיטירן מיליאנער רייזנדע.

__פארשטערקערנדיג אונזער אינפערסטראקטשער און פריש-פארבינדן קאמיוניטיס__

**פריש פארבינדן קאמיוניטיס אין אלבעני און די בראנקס**

אזעלכע הייוועיס ווי אלבעני'ס אינטערסטעיט-787 און די קראס בראנקס עקספרעסוועי האבן צוטיילט געגנטער, צוגענומען וואוינערטער פון פאמיליעס, און דורכגעפירט אומ'יושר'דיקייטן פאר צענדליגע יארן. בויענדיג אויף טראנספארמירענדע אינפערסטראקטשער פראיעקטן ווי די אינטערסטעיט-81 איבערבוי אין סירעקיוז, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פאראויסרוקן פלענער צו פריש פארבינדן די קאמיוניטיס. אין אלבעני, וועט די DOT אריינקוקן אין אפציעס פאר פראיעקטן ווי די אלבעני וואטערפראנט איבערמאכונג פראיעקט, עס פאראויסרוקן צו ענווייראנמענטאלע איבערזיכט און גודאנק פלאנירונג ביזן ענדע פונעם יאר. אין די בראנקס, בויענדיג אויף די יעצטיגע וויזיע שטודיע, וועט די DOT דורכפירן א פלאנירונג און ענווייראנמענטאלע פארבינגונג שטודיע אריינצוקוקן אין אפציעס, אריינגערעכנט צוימען

טיילן פון די קראָס בראָנקס עקספּרעסוועי, אין קאָ-אָרדינאַציע מיט ניו יאָרק סיטי און אַלע לאָקאַלע ענטיטיס וועלכע זענען פאַרמישט אין דעם.

**אינוועסטירן אין ניו יאָרקער שאָסייען און טראַנזיט לענגאויס די סטעיט**
גאווערנאר Hochul (האָקול) וועט צוריקשטעלן די איינקויפונגס קראַפט פון ניו יאָרק סטעיט דעפּאַרטמענט פון טראַנספּאָרטאַציע'ס (DOT) קאַפּיטאַל פּלאַן צו אַדרעסירן די שטייגנדע בויען קאָסטן, פאַרזיכערנדיג אַז יעצטיגע פּראָיעקטן זעצן ווייטער פאָר. די אינוועסטירונג וועט פאַרשטייטערן דאָס קאַליע גיין פון פאַרמעגנס, אַנהאַלטן קריטישע אינפראַסטראַקטשער, פאַרזיכערן די מעגליכקייט אויפצוהאַלטן פּעיוומענט, און שטיצן עקאָנאָמישע סטאַביליטעט איבער'ן סטעיט. אַנערקענענדיג די וויכטיגקייט פון אינוועסטירונג און לאָקאַלע שאָסייען, וועט די גאווערנאר פאַרשלאָגן אַנצוהאַלטן פינאַנצירונג דורך די צאַמגעשטעלטע לאָקאַלע שאָסיי און הייוועי פאַרבעסערונג ( Consolidated Local Street and Highway Improvement) און סטעיט באַזוכונג רוט (State Touring Route) פּראָגראַמען, געבנדיג די שטיצע פאַר קאָמיוניטיס צו קענען אָנפירן און אהערשטעלן פּראָיעקטן מיט הצלחה. נאָך מער, וועט די גאווערנאר צושטעלן פרישע געלטער פאַר טראַנזיט סיסטעמען איבער די סטעיט, פאַרשטערקערענדיג זייער מעגליכקייט צו באַדינען די ראַיאָנישע געברויכן. די אינוועסטירונגען וועלן פאַרזיכערן אַז ניו יאָרק'ס טראַנספּאָרטאַציע נעטוואָרק פאַרבלייבט פאַרזיכערט, פאַרלעסליך, און צוטריטליך פאַר יעדער אייער.

<u>**מער זיכערע גאַסן, סיידוואָקס און ביציקל ליניעס**</u>

**פאַרבעסערנדיג זיכערהייט פאַר אַרבעט'ס זאָנעס און טראַנספּאָרטאַציע אַרבעטער**
אַרבעט'ס זאָנעס פאַרבלייבן געפאַרפול, און הייוועי אַרבעטער טרעפן זיך אָן מיט וואַקסנדע ריזיקעס, אַריינגערעכנט מער ווי 40 פּאַסירונגען פון טשעפּערייי אָדער אָנפאַלער זייט 2022. גאווערנאר Hochul (האָקול) וועט פאַרשלאָגן צו מאַכן די אַטאָמאַטישע אַרבעט'ס זאָנע שנעלקייט ענפאָרסירונג פּראָגראַם פּערמענאַנט, און עס אויסברייטערן צו אַריינעמען MTA בריקן און טונעלן און NYS בריקן אַטאָריטעט פּראָפּערטיס. אין צוגאַב, וועט זי אַריינברענגען לעגיסלאַציע צו שטערקער מאַכן די שטראָפן פאַר אָנפאַלער קעגן טראַנספּאָרטאַציע אַרבעטער, פאַרברייטערנדיג די באַשיצונגען וואָס ווערן יעצט צוגעשטעלט פאַר פיל MTA און ריטעיל אַרבעטער. די שריט וועלן פאַרבעסערן זיכערהייט סיי פאַר אַרבעטער און סיי פאַר דרייווער.

**פאַרבעסערנדיג זיכערהייט ביי ניו יאָרק סיטי'ס מיטל שולע גאַס-אַריבערגענג**
עקסידענטן ביי גאַס-אַריבערגענג אין ניו יאָרק סיטי זענען שולדיג פאַר האַלב פון אַלע טראַפיק טויט פעלער און 60 פּראָצענט פון פוסגייער פאַטיליטעיטן איבער'ן סיטי, מיט געצוימטע זעהבאַרקייט נעבן קראָס-וואָקס זייענדיג אַ הויפּט ביישטייערנדיגע ריזיקע. גאווערנאר Hochul (האָקול) שלאָגט פאַר "דעי-לייט" קראָס-וואָקס נעבן מיטל שולעס אין ניו אָרק סיטי, זיי האַלטנדיג פריי פון וויהיקל שטערונגען צו באַשיצן קינדער ביי זייער לאָקאַציעס וואו זיי זענען די מערסטע אויסגעשטעלט צו געפאַרן. מיטן פאַרזיכערן אַז יענע גאַס-אַריבערגענג ווערן געהאַלטן פריי פון וויהיקלס און גרינג צו זעהן, טוט גאווערנאר Hochul (האָקול) פּריאָריטיזירן די זיכערהייט פון אונזערע קינדער ווען זיי גייען צופוס אָדער פאָרן מיט ביציקלעך צו שולע, ווי אויך די זיכערהייט פון שולע גאַס-אַריבערפירונג וועכטער וועלכע זענען אויסגעשטעלט צו געפאַרפולע אומשטענדן בשעת'ן טוהן זייער אַרבעט.

**איבער-קלאַסיפיצירן גאַר שווערע קלאַס 3 עלעקטראָנישע ביציקלעך אַלס מאָופּעדס**
די וואַקסנדע באַניץ פון עלעקטראָנישע ביציקלעך אין ניו יאָרק סיטי האָט קלאָר געשטעלט ווי וויכטיג עס איז אַז זיי זאָלן גענוצט ווערן מיט אחריות און זיכערערהייט צו פאַרמיידן עקסידענטן וואָס נעמען אַריין פוסגייער און אַנדערע אויף די גאַס. בשעת וואָס יעצטיגע רעגולאַציעס טוען באַגרעניצן די ברייטקייט און שנעלקייט פון עלעקטראָנישע ביציקלעך, טוען זיי נישט אַדרעסירן די מאַקסימום הויכקייט, וואָס אַז

דירעקט פארבינדן מיט די ערנסטקייט פון די שאדן אין עקסידענטן. דאס צו אדרעסירן, וועט גאווערנאר Hochul (האקול) פארשלאגן צו איבער-קלאסיפיצירן גאר שווערע קלאס 3 עלעקטראנישע ביציקלעך וואס וועגן 100 פונט אדער מער אלס מאופעדס, וועלכע פארלאנגען א דרייווער'ס לייסענס און אינשורענס צו אפערירן. די טויש וועט האלטן די שווערסטע און געפארפולסטע עלעקטראנישע ביציקלעך אראפ פון ביציקל ליניעס, פארבעסערנדיג זיכערהייט פאר פיסגייער און אנדערע אויף ביציקלעך.

**ערלויבן ניו יארק סיטי צו נידערן שנעלקייט באגרעניצונגען אין ביציקל ליניעס**
ניו יארק סיטי זאל האבן די נויטיגע געצייג צו רעגולירן אירע גאסן, אריינרעכנדיג פארזיכערן אז די פארמערטע באניץ פון עלעקטראנישע ביציקלעך און מייקראו-מאביליטי דעוויייסעס זענען סיי אחריות'דיג, און סיי פארזיכערט. גאווערנאר Hochul (האקול) וועט פארשלאגן צו פארברייטערן די סיטי'ס טול-באקס אין די הינזיכט דורך עס שענקען די אויסדריקליכע געזעצליכע אטאריטעט צו נידערן די מאקסימום שנעלקייט באגרעניצונגען אין ביציקל ליניעס. די טויש וועט העלפן די סיטי פארבעסערן זיכערהייט פאר גאס-באניצער און פיסגייער בשעת'ן האלטן די באשלוסן אויף א לאקאלע שטאפל וועלכע איז די מערסטע פעאיג צו רעגולירן ניו יארק'ס לעבעדיגע און קאמפלעצירטע גאס-אויסשטעל.

די הייינטיגע מעלדונג בויעט אויף די גאווערנאר'ס הצלחות איבער די לעצטע יאר וועלכע רעכענען אריין:

- אונטערגעשריבן א 6.88 ביליאן דאלאר'דיגע קאפיטאל אינוועסטירונג גרענט פולע פינאנצירונג אפמאך, אונטערגעשריבן א 3.8 ביליאן דאלאר'דיגע פעדעראלע-סטעיט מיטארבעטשאפט גרענט אפמאך, און פארזיכערט 4 ביליאן דאלאר אין הלוואות פון די אמעריקאנע דעפארטמענט פון טראנספארטאציע מיט לאקאלע פינאנצירונג מיטארבעטער פאר די געיטוועי האדסאן טונעל פראיעקט — די גרעסטע פעדעראלע פובליק אינפערסטראקטשער פינאנצירונג פעקל אין אמעריקאנע היסטאריע — ערמעגליכנדיג די אנהויב פון גרויסע בוי-ארבעט אויף די לאנד'ס ווירכטיגסטע אינפערסטראקטשער פראיעקט.
- פאראויסגערוקט פריע בוי-ארבעט פון די סעקאנד עוועניו סאבוועי צווייטע פאזע פראיעקט, א דורות-לאנגע פראיעקט צו ברענגען טראנזיט יושר'דיגקייט צו איסט הארלעם מיט נייע צוטריטליכע סטאנציעס.
- באקומען ענדגילטיגע און גענצליכע באשטעטיגונג פון די פעדעראלע טראנזיט אדמיניסטראציע און די סיטי פון ניו יארק זיך צו פאראויסרוקן מיט די פראיעקט צו ערזעצן די אלטע מידטאון באס טערמינאל מיט א העכסט-אהערגעשטעלטע פאסיליטי.
- אונטערגעשריבן א 1.6 ביליאן דאלאר'דיגע גרענט אפמאך פאר די מעטראו-נארט פענן סטאנציע אקסעס פראיעקט, וואס וועט שאפן פיר נייע סטאנציעס אין די בראנקס און שפארן ביז 75 מינוט פאר רייזנדע יעדן טאג.
- פאראויסגערוקט די פלאנירונג פון די אינטערבאראו עקספרעס פראיעקט, וואס פארשפרעכט שנעלערער טרעוול אין און צווישן ברוקלין און קווינס דורך פארבינדן צו 17 סאבוועי ליניעס און 51 באס רוטס.
- אנגעהויבן בוי-ארבעט און געפייערט א 215 מיליאן דאלאר'דיגע גרענט שענקונג צו שטיצן די ערזעצונג פון די אלטע ליווינגסטאן עוועניו רעיל בריק וואס לויפט איבער די האדסאן טייך און פארבעסערן פאסאנדשיר און פראכט באן סערוויס דורכאויס די עמפייער קארידאר.
- פארגעזעצט בוי-ארבעט פון די ערשטע פאזע פון די אינטערסטעיט-81 וויאדאקט פראיעקט, וואס וועט פריש פארבינדן נאכגעלאזטע קאמיוניטיס אין די סיטי פון סירעקיוז וועלכע זענען אפגעטיילט געווארן דורך די אופבוי פון די אינטערסטעיט אין די 1950'גער און 1960'גער.
- איינגעפירט ניו יארק'ס נאציאנאל-פירנדע קאנדשעסטשען פרייזונג פראגראם וואס פארמאגט א 40 פראצענט רעדוקציע אין אלע טאלס פאר וויהיקלס וואס קומען אריין אין די סיטי'ס צענטראלע ביזנעס דיסטריקט. די פלאן נעמט אויך אריין נייע געצייג צו פארמינערן קאנדשעסטשן און לופט פארפעסטיגונג אין קאמיוניטיס איבער'ן סיטי, בשעת'ן שאפן 15 ביליאן דאלאר פאר די מעטראפאליטען טראנספארטאציע אטאריטעט (MTA)'ס קאפיטאל פראגראם.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן